מיר האַלטן אין יאָר 1899.

ווי אין אַ פֿילם וואָס פֿירט אונדז אַריין דורך פֿאַרמאַכטע טיר

אין טונעל; און וואָס שפּרינגט אַריבער [illegible] פֿון איין יאָר צום צווייטן —

אַזוי וועלן מיר איבערטראָגן די שוועל פֿון י.ל. פּרצעס היים אויף צעגלאַנע #1

אין וואַרשע, און דאָרט וועט ~~אונדזער~~ דער פֿילם-אַפּאַראַט אונדז אַריבערפֿירן

אַזש קיין קיעוו, אויף אַן [illegible] מיטן ~~#~~ סאַלאָמאָן ראַבינאָוויטש,

המכונה ש״ע.

שבת נאָך מיטאָג בײַ פּרצן אין שטוב. ער אַליין זיצט

אויסגעפּראַסעוועט אין אַ סמאָקינג בײַ זיך אין סאַלאָן און רייכערט

אַ ליולקע. אַרום אים זיצט יונגע חבֿרה, מערסטנס שרײַבער-אָנהייבערס:

דער 23-יאָריקער געוועזענער ישיבֿה-בחור הירש-דוד נאָמבערג; דער 23-יאָריקער אַבֿרהם

רייזען, דאָ-ניט-לאַנג באַפֿרײַט פֿון מיליטער; און דער 18-יאָריקער

יהודה-לייב כּהן, פֿון ווילנע. מע זיצט אין אַ געהויבענער שטימונג,

ווײַל כּהן האָט אַקאָרשט אויסגעזונגען פֿאַר זיי אַ טרויעריק ליבעליד

וואָס ער האָט שוין 3 יאָר צוריק געזאַמלט פֿון אַ ווילנער דינסטמיידל. פּרץ אַליין זאַמלט ~~#ה~~

אַזעלכע אומעטיקע, אײַנגענעמע פֿאָלקסלידער, און ער ווידמעט די

שבת-נאָכמיטאָגן אויף צו שעפּן אינספּיראַציע, באַקאַנטע און אומ- [illegible], פֿונעם

פֿאָלקס קוואַל. ~~[illegible]~~

ס׳ווערט שוין שפּעט, און די יונגע פּרציאַנער קידן

פֿאַרדבֿיקהטע אויפֿן רבין און זינגען אים נאָך:

אונדזער רבינ׳ו

אַצינדערט בײַט זיך די סצענע. ני אין עפּעס געפֿינען מיר זיך נאָר אין קיִעוו. דאָ איז דער עולם אַ גרעסערער, און אַ מער באַלעבאַטישער, ווײַל אין קיִעוו טאָרן סתּם ייִדן ני וווינען: נאָר סוחרים פֿון דער 1טער גילד, דאָקטוירים, מענטשן מיט העכערע בילדונג. טאַקע דאָ אָפֿט אָרגאַניזירט די <u>חיבת-ציון-געזעלשאַפֿט</u>, און רעדן רעדט מען צווישן זיך נאָר <u>רוסיש</u>. באַלד הייבט זיך אָבער אָן דער דינסטלעכער טייל פֿון פּראָגראַם און דער 40-יאָריקער ליטעראַט סאָלאָמאָן ראַבינאָוויטש, אײַנגעטאָן אין אַ פֿראַק, שטעלט פֿאָר זײַן protégé, דעם אַדוואָקאַט מאַרק וואַרשאַווסקי. ער זעצט זיך אַוועק בײַם פֿאָרטעפּיאַנאָ און נעמט אויסשפּילן זײַנס אַ שפּיגל-נײַ ליד:

אויפֿן פּריפּעטשיק

דער ½-אַסימילירטער עולם באַגיסט זיך מיט טרערן. פֿאַראַן ני ווייניק צווישן זיי וואָס האָבן שוין לאַנג פֿאַרגעסן ווי צו לייענען דאָס ייִדישע אַלף-בית. דאָך אויף אַן אָרט שאַפֿן זיי אַ פּלאַץ אויף אַרויסצוגיסן וואַרשאַווסקיס <u>ייִדישע פֿאָלקסלידער</u> און שייך עס דערצו צוגרייטן דאָס ייִדישע טעקסט. פֿאַר וואָס? ווײַל | ער אַליין האָט גוט אויך פֿאַרגעסן דעם קמץ-אַלף: אָ.

Fin de siècle

דער אומקער צום ייִדישן פֿאָלקלאָר — ווי מאַנגער דאָס זאָל ניט קלינגען — הייבט זיך אָן דאָ, אין דער גרויסשטאָט, ~~צווישן~~ אויפֿן פֿאָן פֿון פֿאַרגעסעניש און צוזעעניש צווישן פֿאַרשווינדענער ~~קליינער קריינלעך אינטעלעגענטן, און אויפֿן פֿאָן פֿון די הייכן פֿאַלישן~~ [illegible] ~~קאָמע~~. אַ דאַנק דער שטויס פֿון פּויליש פּאָליטיסטן — צווישן זיי אַ שפּאַר ביסל משומדים און אַסימילאַטאָרן — אַנטפּלעקט פּרץ דאָס אַנאָנימער ייִדישע פֿאָלקסליד. פּרץ, דער משכּיל, האָט געגלייבט אַז ביי ייִדן איז ניטאָ קיין חוש פֿאַר שיינקייט, קיין אויסדרוק פֿון ראָמאַנטישער ליבע, קיין קרובֿהשאַפֿט צו דער נאַטור. און אָט, כּמעט ווי פֿון שוועל פֿון זיין ייִחוסדיקער שטוב, האָט זיך אַנטפּלעקט פֿאַר אים אַ נייע וועלט: ייִדישע נייטאָרינס און דינסטמיידלעך וואָס זיי זינגען אַזוי:

אַלע וואַסערלעך פֿליסן אַוועק
די גריבעלעך בלייבן ליידיק
ניטאָ אַזאַ מיטל אויף באַרג דער וועלט
וואָס זאָל פֿאַרטרייבן מיין טרויער.

דאָס וואָס האָט פּרץ אימפּאָנירט אין אַזאַ ליד איז ניט זיין פּאָעטישע געבוי — דער פּאַראַלעליזם, למשל צווישן דעם אומגליקלעכן מיידל וואָס איר האָפֿענונג האָט אויסגערונען, און די ליידיקע גריבעלעך נאָכן רעגן — נאָר דאָס וואָס ביי ייִדן איז פֿאַראַן אַזאַ זאַך ווי אַ ליבעליד, און וואָס ס׳רוב ליבעלידער ביי ייִדן ענדיקן זיך, אַזוי ~~[illegible]~~ טראַגיש.

אויב דאָס ייִדישע פֿאָלקסליד זאָל דינען ווי אַ שפּיגל פֿון ייִדישן לעבן, הייסט עס אַז ביים פּשוטן עולם איז פֿאַראַן אַן אייגענע עטיק,

וואָס זי איז אי וועלטלעך, אי אַלטוועלטלעך.

גאַנץ אַנדערש איז ש״עס תּוך אויף דער זאַך. די ייִדיש

פֿאָלקסליד הייסט בײַ אים אַ ליד געשאַפֿן פֿון פֿאָלק, [illegible] פֿון אײגענעם עסן-

ס׳איז אַבסאָלוט ניט שייך צו זוכן אַ הכשר בײַ ניט־פֿרומע און

דינסטמיידלעך. פֿאָלקלאָר, לויט ש״ע, קומט זיך גאַנץ פֿון מיר גרעסטע ראָמאַנטיקער,

מיט לאַנדשאַפֿט אין במקום־שאַפֿט, און פֿאַרזאָגט ניט מיט אַ ספּעציפֿישע ערטער.

פֿאָלקלאָר איז דער אַלף־בית, שׂימחות און ימים־טובֿים בײַ ייִדן, מעשׂיות און

מנהגים פֿון [illegible] צוגעפּאַסט צו די טאָג־טעגלעכע באַדערפֿענישן פֿון היינט.

טאַראַשטעמקעס זײַנען. [illegible], שפּיגלען (לויט אים) דאָס גאַנצע ייִדישע

לעבן, מיט אַלע זײַנע פֿרייד און נויטן, די למאָלט [illegible] טרינקליד

"טעלעפֿאָנע מלפּה", וואָס פֿאַרענדיקט זיך מיט אַ לחיים צו אַלע שונאי־ישׂראל.

פּרץ זוכט אינעם ייִדישן פֿאָלקלאָר מוסטערן פֿון אַ רעוואָלוציאָנערן

אידעאַליזם, פֿון העכערע עטישע סטאַנדאַרטן, און אײַנקלאַנג מיט דער

יוגנט־רעוואָלוציע וואָס פֿירט זיך אויס בײַ אים אין שטוב.

ש״ע האָט אין זינען אַן אײגענעם פֿאָלקלאָר וואָס דאַרף

דינען די אַ נאַציאָנאַלער בריק צווישן יונג און אַלט, מאַן און פֿרוי,

רײַך און אָרעם.

פּרץ זוכט (אינעם טײַטש אַמאָל) יענע געהויבענע מאָמענטן פֿון מסירת־

נפֿש און אַנטפּלעקונג, און ווען ער געפֿינט וואָס ער זוכט ווערט ער

(פֿון גרויסע, שבת־יום־טובֿדיקע ייִדן)

עס באַדרויִען מײַן טיטל חסידיש און פּאָסטמאָדערנער

געשיכטן, דאָס לערנען אַ פֿרעמדער וועלט, אַ דײַטשמעריזם וואָס מיט איר
ער באַהאַלט פֿאַר געוועלדיקט די ~~אין זײַן אײגנגעשלעפֿט~~ ייִדישער שפּראַך.

גייט זוכט דאָס פֿינצטער ייִד, און יעמער

מײַמאָנען פֿון חלום־אויף־דער־וועלט, פֿון „שבת אין אַ נאָוועמבער־בולבע־
קוגעלע", און וען ער געפֿינט, וואָס ער זוכט ווען ער עס פֿאַרשלינגען

די מעשׂיות פֿון ייִדישע קינדער, לכּבֿוד יום־טובֿ, די מײַנע אַלטערע,
און פּאַנאַנאַ אײַזנבאַן־געשיכטעס.
פֿינאַנצן באַנעמען דעם
בײַדער ~~געוועסט~~ ~~[illegible]~~ ייִדישקייט
פֿאָלקלאָר ~~[illegible]~~ זיכערע אין דער זעלבער צײַט — אין יאָר 1900 — און
אין דער זעלבער טריבונע — אין דער „ד", די ערשטע מאָדערנע צײַטונג אויף
ייִדיש, אַרויסגעגעבן אין דרוקעריי פֿון דער אוניווערסיטעט באַוועגונג, און פֿון
צעשפּרייט
דאָרט ער זיך ~~[illegible]~~ בכל תּפוצות־ישׂראל.
וואָס אַרבעט
להיפּוך צום אמתן פֿאָלקלאָר, גייט פֿון דור צו דור,
פֿון קינד צו קינד, פֿון חסיד צו חסיד,
איז דאָס אַ נײַער פֿענאָמען: אַ געפֿעלשטער פֿאָלקלאָר, אַ
געדינגענער, אַ געשאַפֿענער דורך פּראָפֿעסיאָנעלע שרײַבערס,
וואָס אַליין וווינען זיי מײַלן־ווײַט פֿון אַ שטעטל, שטיבל, חדר
און בית־מדרש; וואָס אַליין זײַנען זיי בונטאַרן און

רעוואָלוציאָנערן. דווקא ווײַל ס'איז ניטאָ פֿאַר זיי קיין וועג אויף
צוריק, טרײַבן די מאָדערנע מענטשן, קענען זיי ניט איבערנעמען די
אַלטע קולטור ווי זי שטייט און גייט. זיי מוזן זי איבערזעצן,
בעסער געזאָגט
איבער ~~[illegible]~~ : שאַפֿעריש פֿאַרוואַנדלען.
טײַ פּרץ, טײַ ש"ע שאַפֿן איבער אַלטע, אײַנגעזעסענע, פֿאָלקישע
פֿאָרמען, גלײַך ווי טאָן עס אַלע מאָל מיט אַ שפּיל, טיפֿע כּלומרשט
עפּעס היימיש זיי
אויסצוטאָן די ~~[illegible]~~ בגדים אין דער אמתן ~~[illegible]~~ פֿאַרוואַנדלען די
אַלטע פֿאָרמען אין נאָמען פֿון מאָדערנע, וועלטלעכע ווערטן.

אין יאָר 1900 גיט פּרץ אַרויס זײַנע ערשטע נעאָ־חסידישע
ווערק „אויב ניט נאָך העכער" און „צווישן צוויי בערג." ש"ע גיט
אַרויס זײַנע ערשטע מעשׂיות לכּבֿוד יום־טובֿ און מעשׂיות פֿאַר ייִדישע קינדער.
פֿון דעמאָלט אָן און ביזן הײַנטיקן טאָג גייט אָן דער פּראָצעס פֿון
שאַפֿעריש פֿאַרוואַנדלען אויף אַלע שפּראַכן וואָס ייִדן רעדן ~~[illegible]~~
~~די ייִדישער קינסטלערישער און אינטימער יסודות וואָס זיי האָבן~~
~~פֿאַרלייגט מיט 96 יאָר צוריק.~~

און אין אַלע צווײַגן פֿון קינסטלערישן אויסדרוק.
~~— מוזיק, ליטעראַטור, פּלאַסטישער קונסט, מאָלערײַ~~
~~די אייגענע יסודות, די אויטענטיקסטע דימענסיע פֿאַרבלײַבן~~
~~די געלייגט מיט 96 יאָר צוריק.~~

ווי-צשע

~~[illegible]~~ איז, „אויב נישט נוגע הערצער" אַנדערש פֿון דער אויטאָמאַטישער

פֿאַלקס-מעשה? [איז פּונקט] דעם דיבוק מאָטיוו, ווען צו רבי וואָלט ער פֿאַרשפּעטיקט צו

כל-נדרי וויל ער מבֿקר-חולה זײַן גרעסמאַן ייִצן, ~~[illegible]~~ דער נײַער, [מען] ווען

רפֿאל הכהן, דעם שפּעטערדיקן האַמבורגער רב, און ווען ר׳ ישראל סאַלאַנטער,

דעם באַגרינדער פֿון דער מוסר-באַוועגונג - אַנדערש איז [אָבער] פּרעצעס וואַריאַנט

סײַ לגבי זײַן סטיל, סײַ לגבי זײַן אינהאַלט. פּרץ דערציילט אונדז די

מעשה אין זײַן באַקאַנטן סטאַקאַטאָ-סטיל, מיט די אָפּגעהאַקטע זאַצן,

און אויסרוף-צייכנס, און ברענגט בולט אין די מעשה אַרויס זײַן באַליבטן

דערציילערישן מיטל: דעם קאָנטראַסט:

וואָס ער האָט געהערט דעם נעמיראָווער דרשן, ט״ס,

וויפֿל דער פֿאַר כלל-ישראל, וויפֿל יסורים / ער האָט געשמעקט אין זײַן

יעדן קערבל... די נשמה פֿליט אויסגיין, הונדערטער צינס קערבלעך!

צו ליטוואַק האָט דאָך אָבער אין אײַנעם האַרץ, הערט ער צו, און

ליגט זיך וויינער! דער רבי ליגט זיך אויך: דער רבי, נו נו לערנען,

אויפֿן בית, דער ליטוואַק אונטערן בית.

ס קאָנטראַסט איז [זייער חשוב]

דער ליטוואַק ~~[illegible]~~ דאָ ~~[illegible]~~, וויל ער

ס קאָנטראַסט ~~[illegible]~~ איז פּרץ אַליין, און זוכט אים - מיר אַלע פֿאַרבינדנדיקס

און אַפּיקורסים. פּרץ איז ניט אויסן אויסצומעקן דעם [טעאָלאָגישן] פּרינציפּ

פֿון מצווה בין אדם לחבֿרו אַנטקעגן מצווה בין אדם למקום.

ער איז ניט אויסן
צו באַטאָנען, ווי אין דער טראַדיציאָנעלער פֿאָלקס-מעשׂה, אַז
דער אמתער צדיק איז דער וואָס באַגײַסטערט איז „צו גאָט און צו לײַט."
פּרצעס תּורה איז אַ פּירוש ליטוואַקיש. דורכן ליטוואַק, וואָס ער
שפּיאָנירט נאָך (שימערנדער) רבינס סליחות-צײַט אין דער פֿרי, שטעלט
פּרץ אַוועק די הומאַניסטישן מוסר-השׂכּל: דער מענטשלעכער
טאַט שטייט אין אַן ערך העכער פֿאַרן נס. מעגן פֿרומע חסידים גלייבן אַז
דער רבי פֿליט יעדן פֿרימאָרגן אין הימל אַרײַן. מיר, ליטוואַקעס, ווייסן
דעם אמת: ניטאָ קיין נסים. דער מענטש אַליין איז דער גרעסטער נס
פֿון וועלטבאַשאַף. +

אין ט׳-פּעשט דעם אַ שרײַבער, וואָס ער אַליין האָט שוין
לאַנג אויפֿגעהערט צו גלייבן אין נסים, איבערדערציילן נסימדיקע מעשׂיות?
דערציילט
דורך די וואָס ער גלייבט ניט: „מעשׂה מצוויי ברידער" איז טאַקע אַזאַ
מאַנאָלאָג. אינעם 1טן וועלט-קריג, געדרוקט
אונטער
אין דער „ייִד", שטייט אַזאַ טיטל: „אַ שימחת-תּורה דיקע מעשׂה, דערציילט
פֿון אַן אַלטן מלמד." ר' שמעיה איז דער וואָס ער שטייט צעזען די צוויי
ברידער: דער גרעסטער רב פֿון איין זײַט און דער גרעסטער רבי פֿון דער צווייטער
געווען באַשרײַבן
און אַזאַ ניגון כאָלעראַ קען איך ניט ר' שמעיה,
דעם מלמדס, רעדע. כּמוז צו דערציילן דירעקט פֿון „טעטאַק", צו
דער באַוווּסטער סמיכה וואָס דער רב האָט זיך געוווּנשן גלײַך, ר' נח,

שפּאַצירן פּיגותטײַז
זײַן אויגן גלאַנצן און זוכן זיך צו די חסידים אויפֿן אויף דער גאַס.

„אײַער תּורה, רבי, איז סאַמע דין," זאָגט דער ביאַלער רבי צום בריסקער רב —

אָן רחמים איז זי! אָן אַ פֿונק חסד אין אײַער תּורה!

און דערבײַ איז זי אָן שׂימחה, אָן פֿרײַען אָטעם... סאַמע ברזל ונחושת, אײַזערנע חוקים, קופּערנע דינים... און סאַמע הויכע תּורה, פֿאַר לומדים, פֿאַר יחידי־סגולה!

„און אײַער תּורה, נו?" פֿרעגט דער בריסקער רב.

— איר ווילט זי זען, רבי?

— תּורה — זען? וווּנדערט זיך דער בריסקער רב.

— קומט, רבי, איך וועל זי אײַך ווײַזן!... איך וועל אײַך איר גלאַנץ ווײַזן, די שׂימחה, וואָס שטראַלט אַרויס פֿון איר, אויף אַלע, אויף כּל־ישׂראל!

דאָס וואָס אַנטפּלעקט זיך פֿאַר יעדער אויגן אין אַ בליק פֿון פֿול־האַרמאָניע: די פֿאַרבינדונג פֿון מענטש און נאַטור, פֿון רעליגיע און לעבן, פֿון יחיד און כּלל. „און אַלע זינגען," געדענקט אונדז דער פֿאָלק־נאַראַטאָר די שמועה, „דער הימל זינגט, די גלגלים זינגען, און די ערד פֿון אונטן זינגט, און די נשמה פֿון דער וועלט זינגט — אַלץ זינגט!"

אמת, די אַנטפּלעקונג געדויערט בלויז אַן אויגנבליק. דאָס

בילד פֿלאַצט ווי באַלד דער בריסקער רבֿ רופֿט אויס: „מע דאַרף מנחה דאַוונען!" און גלײַך ווערט ווידער פֿאַרוואַנדלט אין וואָס געווען: „פּשוטע חסידים אין בריסקער קאַפּאָטעס, אַלטע בריסקער שטיקלעך ניגונים." זאָל דער לייענער, הייסט עס, אַליין אויסקלײַבן. מה־נפֿשך: אונטן ווידער דעם טײַטש פֿונעם טרוקענעם ראַציאָנאַליסט, ווידער דעם געהויבענעם טײַטש פֿונעם ראָמאַנטיציזם, ווי די מוזיק און דער ניגון פֿאַראייניקן מענטש און מענטש, מענטש און נאַטור.

אמת, די דאָזיקע אוניווערסאַלע דראַמע אַנטפּלעקט זיך אין קליין פּויליש שטעטל פֿאַר צײַטנס, און אויך פֿאַר די צוויי בריסקער אידעאַליש ריכטונגען בײַ ייִדן: חסידות און מתנגדות. אָבער די עיקר־אַנטפּלעקונג דאָ פֿאַלט ניט אין שול, חלילה, ניט אין דרויסן, אונטער פֿרײַען הימל, און ניט אין אַ פֿאַרוויסטן מאָנטיק אָדער דאָנערשטיק, נאָר טאַקע שׂמחת־תּורה, ווען אַ טאַנץ און אַ ניגון רײַסן אויס דעם מהות פֿון אַן אַלמענטשלעכער תּנועה..

בעת פּרץ און די ייִדישע נעאָראָמאַנטיקערס האָבן זיך פאָסמאַקעוועט מיט צדיקים, חסידים, ניגונים און מיסטישע העוויות, האָט שלום־עליכם געזוכט דאָס נאָרמאַטיווע, דעם ייִד פֿון אַ גאַנץ יאָר. ניטאָ אין שלום־עליכמס פּיקטיוון שטעטל קיין שבת־אידיליע (אַ־לאַ ביאַליק און שלום אַש); ניטאָ כּמעט קיין חסידים־שטיבל, און אין בית־מדרש קומט מען בלויז אָפּצודאַווענען, ניט צו קוועטשן די באַנק. אַזוי ווי אין פֿאָלקסליד, אַזוי ביי אים: "אַ גאַנצע וואָך האָרעוועט מען דאָך — אויף שבת דאַרף מען לייענען". ניטאָ קיין נסים, קיין שדים, אַפֿילו ניט קיין קונצן־מאַכער אין אַ נאָוועלע. דערפֿאַר איז אָבער יאָ דאָ דער יום־טובֿ, ווען דאָס פּינטעלע ייִד ווערט דעמאָלט אַן אויסרוף־צייכן. די גרויע טאָג־טעגלעכקייט פֿאַרשווינדט בעת אַ ייִד גרייט זיך אויף יום־טובֿ — ווען ער קויפֿט זיך איין אַן אתרוג לכּבֿוד סוכּות; ווען ער פֿירט די קינדערלעך אויף הקפֿות אין שול שימחת־תּורה און פֿאַרשאַפֿט זיי אַ פּאַפּירענע פֿאָן. יום־טובֿ הייסט כאַפּן אַ שפּאַציר ביים וואָקזאַל הושענא־רבה נאָכן קוויטל; שפּילן אין קאָרטן בלויז איין מאָל אין יאָר — חנוכּה אויף דער נאַכט — און שפּילן אין "טריאַטער" בלויז פּורים צו דער סעודה. ועל־כּולם הייסט יום־טובֿ גרייטן זיך אויף פּסח און פּראַוועון דעם סדר צווישן אייגענע. דאָ איז ניט שייך קיין שום גאָט־זוכעניש. אַפֿילו דער רבֿ שפּילט דאָ ניט קיין ראָלע, ווער רעדט נאָך פֿון אַ רבי. דאָ איז יעדער ייִד אַ מלך, ווי אָרעם און דערשלאָגן ער זאָל ניט זיין די איבעריקע טעג פֿון יאָר. מענער און פֿרויען, קינדער און עלטערן, שיינע און פּראָסטע ייִדן קענען אַלע גלייך געניסן פֿון פֿרייד און נשמה־דערהייבונג. אַ ייִדישער יום־טובֿ איז אַ ראַיעלע זאַך. מע קען אים אָנטאַפּן. אָט איז דער אתרוג, דאָס דריידל, די פֿאָן, די טויז קאָרטן. יום־טובֿ ווערט פֿריילעך אין שטעטל, און פּונקט ווי אומעטום, איז דער קאַרנאַוואַל אַ צייט, ווען עס ווערן אָפּגעווישט אַלע ייִחוס־ און עלטער־גרענעצן. ביים פֿאָלק, אין אַ יומא־דפּגרא, האָט שלום־עליכם געפֿונען דעם ממשותדיקסטן אויסדרוק פֿונעם ייִדישן מיטאָס.

אַלע יום־טובֿ־דערציילונגען שלום־עליכמס טיילן זיך בלויז אויף צוויי קאַטעגאָריעס: 1) דער איין־מאָל־אין־יאָריקער מלך, און 2) דער פֿאַרשטערטער יום־טובֿ. איין מאָל אין יאָר — אַזוי דערציילט שלום־עליכם אין "דער ייִנגסטער פֿון די מלכים" (1904) — ווערט יוזיק דער יתום אויפֿגעריכט: ווען ער פֿירט אַליין דעם סדר. "יאָ", זאָגט מלך, דער העלד פֿון "דער מלך מיט דער מלכּה" (1902), "ס'איז גוט צו זיין אַ מלך, ווי איך בין אַ ייִד... כאָטש איין מאָל אין יאָר, כאָטש אויף אַ האַלבער שעה"! נאָך עפּטער געשעט אַז פֿון אַלע צוגרייטונגען צום יום־טובֿ, נאָך אַלע חלומות וועגן אַ נייער פֿאָן, לאָזט זיך אויס אַ בוידעם, ווייל עפּעס געשעט אויף צו פֿאַרשטערן דעם יום־טובֿ.

"דער אורח" (1906) איז אַ גלענצנדיקער מוסטער פֿונעם צווייטן מין יום־טובֿ־דערציילונגען. פּונקט ווי "דאָס מעסערל" (1887) איז "דער אורח" אַ קינדער־מעשׂה דערציילט פֿון אַ דערוואַקסענעם, און פּונקט ווי דעמאָלט, ביים אויספֿרוּוון דעם קינדער־זשאַנער, ניצט שלום־עליכם אויך דאָ דעם דיאַלאָג אויף צו באַלעבן און דראַמאַטיזירן די לאַנג־פֿאַרגאַנגענע געשעעניש:

Schmaltz it up

-- איך האָב פֿון אײַערט וועגן, רב יונה, אַן אורח אויף פּסח, האָט איר נאָך אַזאַ אורח נישט געהאַט זינט איר זענט אַ בעל־הבית.

— דהײַנו?

—דהײַנו, אַן אתרוג, נישט קיין אורח!

— דהײַנו, וואָס הייסט אַן אתרוג?

— דהײַנו, אַן אתרוג הייסט — אַ ייִד פֿון סאַמע זײַד, און אַ שיינער ייִד אַ פֿאַרשוין. איין חסרון נאָר, וואָס ער פֿאַרשטייט נישט אונדזער לשון.

— וואָסער דען לשון פֿאַרשטייט ער?

— לשון־קודש.

— פֿון ירושלים?

— פֿון וואַנען ער איז — ווייס איך נישט, נאָר אַז ער רעדט, רעדט ער מיט סאַמע פּתחן.

ערשט איצט לאָזט דער נאַראַטאָר אונדז וויסן, אַז דער שפּילעוודיקער דיאַלאָג קומט פֿאָר צווישן עזריאל דעם שמש און דעם נאַראַטאָרס טאַטע, רב יונה, אַ פּאָר טעג פֿאַר פּסח. קיינער פֿון זיי — ניט די צוויי ~~סטאַטעטשנע~~ ייִדן, ניט דאָס נײַגעריקע קינד — קען פֿאָרויסזען די סכּנה פֿון באַניצן זיך מיט אַן "אתרוג", ווען סע גייט גאָר אין פּסח.

די וואָרטשפּיל מיטן אתרוג גיט שוין אַן אָנצוהערעניש, אַז אין צענטער פֿון דער מעשׂה־שהיה פֿון די קינדער־יאָרן אין אַמאָליקן שטעטל ליגט אַ באַקאַנטע שווינדלער־מעשׂה, אַרויסגענומען פֿונעם בדחנישן רעפּערטואַר. בײַם פֿאָלק הייסט עס "דער־ארץ־ישׂראל־ייִד", אָדער "דער ירושלמי": ~~חיים ליבערמאַן האָט אָפּגעדרוקט אַ נוסח דערפֿון (יודאַ יאָפֿע־בוך [1958]: 280־283) אונטערן טיטל "ליד פֿון דעם טעריק"~~. אַנשטאָט דער בדחן זאָל זיך פֿאַרשטעלן "אין אַ רויטער דעקע אָדער שאַל און אַ רויט מיצל אויף דעם קאָפּ" באַווײַזט זיך אינעם "אורח" — "עפּעס אַ מאָדנע נפֿש מיט אַ שטרײַמל און מיט אַ טערקישן כאַלאַט פֿון געלע, בלויע און רויטע פּאַסן". און בעת אינעם בדחנישן רעפּערטואַר ציט זיך אַ לאַנגער דיאַלאָג צווישן דעם "אָפּפֿרעגער" וואָס פּרוּווט דערגיין (אויף ייִדיש) ווער און וואָס און ווען, און דעם "ארץ־ישׂראל־ייִד" (אָדער ירושלמי ~~אָדער טעריק~~) וואָס ער ענטפֿערט אין לאַנגע לשון־קודשדיקע זאַצן, מאַכט עס שלום־עליכם גאָר בצימצום:

"ערשט אַז עס קומט צום קידוש מאַכן, שמועסט זיך דורך דער טאַטע מיטן אורח אויף לשון־קודש, און איך בין מלא גדולה, וואָס איך פֿאַרשטיי כּמעט איטלעכס וואָרט. איך גיב דאָ איבער זייער לשון־קודשן שמועס מלה במלה:

דער טאַטע: נו? (אויף אונדזער לשון זאָל דאָס הייסן: מאַכט, זײַט מוחל, קידוש!).

דער אורח: נו־נו! (אויף אונדזער לשון זאָל דאָס הייסן: מאַכט, מאַכט!).

דער טאַטע: נו־אָ? (פֿאַר וואָס ניט איר?).

דער אורח: אָ־נו? (איר פֿאַר וואָס נישט?)

דער טאַטע: אי־אָ! (פֿריִער איר!).

דער אורח: אָ־אי! (איר פֿריִער!).

דער טאַטע: ע־אָ־אי! (איך בעט אײַך, מאַכט איר!).

דער אורח: אי־אָ־ע! (מאַכט איר, איך בעט אײַך!).

דער טאַטע: אי־ע־אָ־נו? (וואָס וועט אײַך אַרן, אַז איר וועט מאַכן פֿריִער?).

דער אורח: אי־אָ־ע־נו־נו! (אַז איר ווילט דווקא איך, לאָז זײַן איך!)".

כלומרשט איז דאָס אַ באַווײַז, ווי ראַפֿינירט און קאָסמאָפּאָליטיש זיי זענען. פֿאַקטיש רעדן זיי ניט אויף אַ קולטורשפּראַך, נאָר אויף אַ קדמון־שפּראַך. און טאַקע דערפֿאַר, פֿאַרשטייט מען זיך אויפֿן ווונק. אויפֿן פֿאָן פֿון אָט דער אינטימקייט וויקלט דער אורח פֿונאַנדער אַ לעגענדאַרישן לײַוונט, וואָס פֿאַרכישופֿט יונג און אַלט. ווײַל פֿון אַלע יום־טובֿים איז פּסח די צײַט, ווען אַפֿילו בעל־הבתּישע ייִדן ווערן מיטגעריסן מיטן אַלטן ייִדישן חלום פֿונעם בית־המיקדש, דעם מזבח, די לוויים, און פֿון אַן אייגן לאַנד, "דעם אמתן גן־עדן־התּחתּון". און אויב טאַטע־מאַמע גלייבן דעם אורח אויפֿן וואָרט, אַפּשיטא שוין זייער קינד, וואָס בײַ אים לעבט דער חלום צום שטאַרקסטן:

"און גוטע, ליכטיקע מחשבֿות כאַפּן מיך אויף און טראָגן מיך אַוועק גלײַך אַהין צו, אין יענעם גליקלעכן ייִדישן לאַנד, ווו די הײַזער זענען געבויט פֿון סאַמע טענענביימער, געדעקט מיט ריין זילבער, ווו די כּלים זענען פֿון גינגאָלד, און ווו בריליאַנטן, פּערלען, דימענטן וואַלגערן זיך אויף דער גאַס. און עס גנבֿעט זיך אַרײַן צו מיר אַ מחשבֿה, אַז ווען איך זאָל דאָרטן זײַן, וואָלט איך שוין געוווּסט וואָס איך האָב צו טאָן; איך וואָלט שוין געוווּסט ווו צו באַהאַלטן; בײַ מיר וואָלט מען שוין נישט אויסגעטרייסלט גאָרנישט... און איך באַקום אַ שטאַרקן חשק צו זײַן אינעם דאָזיקן לאַנד, און עס פֿאַלט מיר אײַן אַ געדאַנק, איך זאָל נאָך פּסח זיך דורכפֿאָרן אַהין מיטן דאָזיקן אורח. געווײנטלעך, בסוד, אַז קיינער זאָל נישט וויסן".

דאָס קינד נעמט אויף דעם מיטאָס לויט זײַנע קאָנקרעטע השׂגות. ער טראַכט פֿון די אוצרות וואָס וואַלגערן זיך אויף די גאַסן, וועגן פּערלען און דימענטן, וואָס ער קען ברענגען דער מאַמען אַ מתּנה, ניט וועגן אויסלייזן זיך פֿון גלות.

ווײַזט זיך אָבער אַרויס, אַז דער ווונדערלעכער ספֿרדישער גאַסט פֿונעם פֿרײַען ייִדישן לאַנד האָט אויך געהאַט אין זינען דאָס זעלביקע. בײַ נאַכט, נאָכן סדר, כאַפּט מען זיך אויף און מע דערזעט דעם בראָך: דער אורח איז פֿאַרשוווּנדן —

"און אין איינעם מיט אים איז נעלם געוואָרן בײַ אונדז אַ סך זאַכן: אַלע זילבערנע כּוסות, אַלע זילבערנע לעפֿל, גאָפּלען און מעסערס, דאָס גאַנצע ביסל צירונג דער מאַמעס, און אויך מזומן געלט, וויפֿל עס האָט זיך געפֿונען בײַ אונדז אין קאַסטן. און אויך ריקל די מויד איז מיט אים אַנטרונען געוואָרן...

און עס נעמט מיך אָן בײַם האַרצן, נישט אויף די זילבערנע כּוסות מיט די זילבערנע לעפֿל און מעסערס, וואָס זענען נעלם געוואָרן, און נישט אויף דער מאַמעס צירונג, און נישט אויפֿן מזומן געלט, און נישט אויף ריקל די מויד — כאַפּט זי דער רוח! — נאָר אויף דעם גליקלעכן־גליקלעכן לאַנד, וואָס סע וואַלגערן זיך דאָרטן בריליאַנטן, פּערלען, דימענטן, און אויף דעם בית־המיקדש, מיט די כּהנים, מיט די לוויים, מיטן אָרגל, מיטן מזבח, מיט די קרבנות און מיט די אַלע איבעריקע גוטע זאַכן, וואָס מע האָט בײַ מיר אַוועקגערויבט, צוגענומען, צוגענומען, צוגענומען".

כּולל־ווערק

פֿאַקטיש איז דער ~~ענד־רעזולטאַט~~ אין ביידע סאָרטן יום־טובֿ־דערציילונגען דער זעלבער. אַזוי צי אַזוי מוז דער ייִד איבערלעבן דעם טראַגישן ריס צווישן חלום און וואָר. ווײַל אַפֿילו ווען עס קומט יאָ אונטער אַן אתרוג, אַ פֿאָן, אַ קאָרטנשפּיל, אַ פּורים־שפּיל אָדער אַן אורח צום סדר, קערט אויף מאָרגן זיך אום די גרויע וואָך. דער מלך "כאָטש אויף אַ האַלבער שעה" ווערט אויס מלך און ווידער אַ געפּלאָגטער, אַ פֿאַנטאָפּל־מאַן, אַ שלימזל, אַ יתום. דערפֿאַר ווײַל דער מיטאָס איז ניט סתּם קיין אַבסטראַקציע, נאָר עפּעס וואָס מע קען אַליין אָנטאַפּן, אַ ממשותדיקער חלום פֿון כּהנים און קרבנות, איז דער אָנווער אַזוי פֿיל שטאַרקער. איטלעכער ייִד ווערט צוריק אַ קינד אין זכות פֿון די ייִדישע יום־טובֿים. און פּונקט ווי אַ קינד לעבט איבער יעדע זאַך אַזוי אינטענסיוו און סוביעקטיוו, אַזוי ווערט פֿון יעדער יום־טובֿ אַ מיניאַטור־דראַמע פֿון צעשטערטער האָפֿענונג.

פֿון [illegible] און פֿון [illegible] איז אַרויס צו נײַע תּורה.

און פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור האָט זיך געשאַפֿן, ~~אין~~ במשך 1 יאָרצענדליקער אַ נײַער פֿאָלקלאָר.

איצט לאָמיר זען – גלײַך אין קורצן – די דאָזיקע [illegible]־לאָר, נוסח פּרץ און נוסח ש"ע, איז באַגעגנט אונדזער פֿאָלק אין זײַן גרעסטן נויט: אין די יאָרן פֿון גזירות, רדיפֿות, פּאָגראָמען, און אומקום.

יאָ. בפֿירוש יאָ, האָט געפּסקנט איציק מאַנגער אין
יאָר 1939. דאָס וואָס דאָס פֿאָלק טוט אינסטינקטיוו, שרײַבט מ׳
אין זײַן וויכטיקן מאַניפֿעסט, „פֿאָלקלאָר און ליטעראַטור," ער לערנט (דאַרף עולם)
זיך אויס פֿון אַלע שונאים ווי אַ פֿאָלקסווערטל, זי אַ טייל,
יעצט דער ייִדישער אינטעליגענט טאָן באַוווּסטזיניקערהייט: זיך
אומקערן צום אייגענעם קוואַל.

איך לייקן ניט די שײַנקייט פֿונעם פֿרעמדן מיטאָס. אָבער
איצט, אין דער היסטאָרישער רגע, ווען אַ פֿאָלק דאַרף אין
האַלט בײַ אַן אינערלעכער קאָנסאָלידאַציע, מוז מען דאָס
פֿרעמדע גרינטלעך פֿאַרגעסן, כּדי צו געפֿינען דאָס
אייגענע און דערמיט — זיך אַליין.

דעם מקור פֿונעם אייגענעם מיטאָס דאַרף דער אינטעליגענט זוכן אינעם
באַנײַטן
ייִדישן פֿאָלקלאָר וואָס זײַנע 2 הויפּטשטראָמען זענען:

1) די ראָמאַנטיש-פֿאַנטאַסטישע ליניע בײַ פּרץ
2) די רעאַליסטיש-גראָטעסקע ליניע " ש"ע

זײַן פֿאָרמולירונג

מאַנגער אַליין האָט ~~...~~ געשאַפֿן די סינטעז פֿון די 2
ליניעס אין זײַנע גניאַלע חומש-לידער, וואָס ער האָט זיי
אָנגעהויבן שרײַבן אין 1935. איצטער ברענט אָבער (OZON) די
ערד. אין פּוילן קומט אויף די פֿאַשיסטישע אָזאָן-רעגירונג

און פֿון נאַצי-דײַטשלאַנד פֿאַרשיקט מען אַלע ייִדן מיט פּוילישער
בירגערשאַפֿט צוריק אין אַ לאַנד וואָס וויל זיי ניט נעמען. פֿון זיי איז אויך
דער גרינשפּאַן, וועמעס שטעטל זבאָנשין, צווישן ניין און ניין.

איצטן דאָן פֿון אַ וועלט וואָס פֿאַרטרײַבט ייִדן פֿון אומעטום און
לאָזט זיי אין ערגעץ ניט אַרײַן, שרײַבט מ׳ אָן די <u>ווונדערלעכע לעבנס-</u>
<u>באַשרײַבונג פֿון שמואל-אבא אַבערוואָ דאָס בוך פֿון גן-עדן</u>.

ווער איז שמואל-אבא?

דאָס איז מ׳ אַליין, ½ מענטש; ½ מלאך

און יעדער מזרח-אייראָפּעישער ייִד וואָס ער לעבט ~~[illegible]~~ אי
~~אין פּוס אין שטעטל~~ מיט ראָמאַנטישן חלום, א׳ ~~[illegible]~~ אויך דער גרעסערער וועלט.

וואָס איז דער גן-עדן?

= דער ייִדישער קאָלעקטיווער זכּרון וואָס ער שעפּט פֿון 2
עיקרדיקע קוואַלן

1) פֿונעם תּנך

2) פֿונעם שטעטל

1) אין גן-עדן לעבן אָדם/חווה; אָבֿות/אמהות; ~~דוד מלך~~ שאול
המלך, דוד המלך, ~~שלמה המלך און~~ מיט אַלע זײַנע ווײַבער; שלמה זײַן זון;
ווי אויך די חסידישע רבי״ס פֿון גאַליציע און אוקראַיִנע און
דער עמך-מענטש, אַלע אויסגעמישט צוזאַמען, ווײַל דער גן-עדן

איז פֿאַנטאַזיש דאָס שטעטל (און די גרויס שטעט) פֿון סוף 19טן / אָנהייב 20סטן י״ה, מלעה״

ווי אין אַ פּורים-שפּיל מ׳ זעט טײַטלעך אַ מאָל בײַ מאַנגערן אין דער מייזע, און אַפֿילו פּיטאַנטער, דאָסטיוומען פֿון הענטל.

דער אליהו-הנביא - באַלעגאָלע איז ווידער אַ שינדער.

דאָרט ווינקט די סאַמע סמעטענע פֿונעם גן-עדן. דער שמעסער מוידער געהערט צום סאַמעגורע זדיק. אויף דער ערב האָט ער זיך געפֿירט ווידער ברייט, און אַנדערע פֿירט ער זיך אויך אין גן-עדן.

ס׳איז כּדאַי צו באַמערקן, אַז אויף דעם אייגענעם באַלעגאַר האָט זיך רחב הזונה געעפֿנט אַ סאַלאָן, ווי די רײַכערע מלאָכימלעס מאַניקירן זיך די נעגל. אַגב, איז די געשעפֿטן ווידער פֿרום אין גן-עדן. זי לייענט אַ סך מוסר-ספֿרים און דאָן זיי כּמעט אויף אויסנטייניק. וואָס שייך דעם מאַניקירן די נעגל, האָבן די ניט דערפֿון, גיבער פּרנסה ווי פּרנסה. אין גן-עדן האָט מען שוין כּמעט פֿאַרגעסן, אַז זי איז אַ מאָל געווען אַ זונה.

מאַנגער, דאָן מען זאָגן, פֿאַנטאַזירט דעם גן-עדן אײַנעם נאָמען פֿון אַ דערהייבטיקער פּורים-שפּיל. פֿון אַלע יום-טובֿים איז געווען בלויז פּורים, פֿעלנס.

דער קאַלענדער, די הפֿטרות, וואָס איז בײַ מאַנגערן צום אַלעם געמאַכטן

~~[struck through]~~ זײַן אויסדרוק פֿון סאָציאַלן פּראָטעסט. די גנבֿישע העלדן,

אַנשטאָט זיי זאָגן מיט זיך פֿאַרגעסן דעם ריינעם מיטגלס, די טיפֿע

פֿונעם גלויבן אין אַ משיח, ווי בײַ שלום-עליכם, ווען זיי בײַ מײַנקען די

זילבערנע פֿאַר סאַטירע. דאָך זיי נאָר אָן, די שיינע ווײַבן פֿון טײַן משיח,

וואָס בויקט די אומגעלעבטער (אײנע־קײט) הײַנטיקייט בדיבורים,

נײַ טווײַק אין די הויכע פֿאַנלעטער און פּרויען אָפּטייטשן די שפּירן. ~~[struck through]~~

נשמה׳דיקע זײַט. אין פֿאַרשטייט זיך אַז די פֿאַנטאַזיעס (מיט ~~[struck through]~~ מי) די גרויסע

גלאַט-יִדישע צדיקים, וואָס דאָס איז דאָס וואָס האָבן זיי געגלייבט זי

מלכותדיק לעבן, און אין הימל זאָגן זיי (ני) גראַד מותר צו זײַן אויף

נישט כּבֿוד.

רעדנדיק ביז גאָר אין דעטאַלירטער רעדט געשטאַלט פֿון אליהו-הנביא,

וואָס דער לעגענדאַרער בולטער ברייטער אויך זײַן נאָמען. כאָטש אַליין אַן

אַפּאָטעאָזע פֿון תּנ״ך, איז דאָך אליהו פּערזענלעך געוואָרן דער גרויסער

פֿרײַנד פֿונעם אָרעמאַן, פֿונעם האָרעפּאַשנעם פֿאָלק. לעגענדעס גייען

ער אַרום אָרעם פֿון אין פֿאָס. לעגענדעס האָט ער זיך מגולגל געווען,[4]

דערציילן אונדז שמואל-אַבאַ אַבערוואָ, „די אָרעמע לייט

אויף דעם ערד האָבן אויפֿגעהערט צו גלייבן אין זייער הילף. זיי האָבן באַשלאָסן זיך אַליין צו העלפֿן. — זאָגן זיי — זאָגט מיט ביטול אליהו הנביא — זאָלן זיי זיך אַליין העלפֿן, ווי האָבן זיי באַדאַרפֿן ... די ... ציוניסטן.

אין הימל, וווּ דער היסטאָרישער זייגער האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט 50 יאָר פֿריִער, איידער, פֿאַרשטייט זיך, קיין „ציוניסטן" ניט פֿאַרשטאַנען דערפֿאַר טאַקע ווי דער בן-עזאַ „ניט קיין בן-עזאַ פֿאַר אַ מענטשן", ווי עס דריקט זיך אויס שמואל-אַבאַס ~~[illegible]~~ גוטער-פֿריינד פֿישעלע, אַ מאָליך אין זיינע יאָרן. ווי געפֿינען די הימלישע שניידערס, שוסטערס, נייטאָרינס, גלעזערס, פֿאַבריקאַנטן, פּויערים און יאָ - שיפֿורים - אַלע נאָ ציין, ~~[illegible]~~ שטייען זיי אָבער אויף אַ העכערער מלאַכישער הייך ווי

mlókhim

די גוטע ווייבער, די אָבות און אימהות, ווי די מלאכים פֿון ישראל און זייערע קעפּסטע״רער. ווייל [נייען] צווישן אָרעמע, הימלישע פֿאַלן לעבט נאָך די באַלאַגע, דאָס ליגלעך, דאָס ציגלעך, דאָס פֿאַסטעלכל,

ליִדער פֿון אַרבעט און בענקשאַפֿט, פֿון טרויער און שטיפֿערײַ, פֿון הפֿקרות און ~~[illegible]~~ גלויבן. אין אָט דעם געוועב האָט זיך אויסגעצייכנט דער מלאך איציק מאַנגער, המכונה שמואל-אבא אַבערוואַ, וואָס איז באַוווּסט געווען ניט נאָר אין זיבעטן ראַטסוועלט אַ לערער ביז פֿונעם ייִדישן גן-עדן, נאָר אויך זיך אַליין צו ראַטעווען פֿונעם אייראָפּעיִשן גיהנום.

פֿאַר יצחק באַשעוויס, דערקעגן, זענען די טויערן פֿון גן-עדן געווען געשלאָסן אויף 7 שלעסער. ניט געקוקט דערויף וואָס ער איז באַצײַטנס אָנגעקומען קיין אַמעריקע און האָט אויסגעמיטן דעם היטלער-חורבן אין גאַנצן, האָט ער פֿונעם רײַכן פֿאָלקלאָר-געוועב פֿון פּוילישן ייִדנטום אָפּגעראַטעוועט בלויז דעם גיהנום. זיך אַליין האָט ער געמאָלן ניט ווי אַ שטיפֿערישער מלאך נאָר ווי אַ ווײַנישער שד, דער לעצטער שבעלעטער וואָס איז מגולגל געוואָרן נאָכן יאָרן חורבן פֿון דער שטאָט לובלין אינעם פֿאַרוואָרפֿענעם שטעטל טישעוויץ.

... און אַז שרײַבן גופֿא איז אַ דעמאָנישער אַקט, אַז יעדער גראַמען־מאַכער איז אַ שטיקל שד — דאָס איז מן־הסתּם באַשעוויסעס גרעסטע המצאָה. בפֿרט ווען ער שרײַבט אויף ייִדיש וועגן אַ ייִדישלאַנד, וואָס האָט שוין אויפֿגעהערט צו עקסיסטירן. אָט דאָס איז דער טשוואָק פֿון באַשעוויסעס געניאַלסטן ווערק, "מעשׂה טישעוויץ" (1959).

פֿאַר וואָס טישעוויץ? ווײַל אינעם עסיי "אַרום דער ייִדישער ליטעראַטור אין פּוילן", האָט באַשעוויס באַטאָנט אַז "יעדעס שטעטל אין פּוילן, יעדעס ייִדיש געסל האָט געהאַט אייגנאַרטיקייט". דאָרט האָט ער פֿירגעוואָרפֿן די פּויליש־ייִדישע שרײַבערס, למאַי זיי האָבן פֿאַרזען אָט דעם רײַכן שאַפֿערישן קוואַל. אָט האָט אין טישעוויץ געלעבט און ס'איז אומגעקומען משיח בן־יוסף (ז' 472). די טראַדיציע ווערט באַשטעטיקט פֿון טישעוויצער לאַנדסלײַט, סײַ בכתבֿ (אין פּנקס טישעוויץ), סײַ בעל־פּה (פֿון יעקבֿ זיפּער ז"ל). נאָך אַ פּערטל יאָרהונדערט האָט באַשעוויס זיך אומגעקערט אין דער פֿאַנטאַזיע צום אמתן פּוילישן שטעטל טישעוויץ, כּדי אויסצונוצן די משיחישע טעמאַטיק.

פֿאַר וואָס "מעשׂה" טישעוויץ? ווײַל די פֿאָרמל טראָגט אויף ייִדיש אַ מאַרטיראָלאָגישע קאָנאָטאַציע, עלעהיי מעשׂה אומאַן. באַשעוויס וויל זיך אָפּרופֿן אויפֿן לעצטן חורבן אין ליכט פֿון דורות קידוש־השם.

פֿאַר וואָס אַ דעמאָנישער מאָנאָלאָג, אויב סע גייט דאָ אין אַזאַ וויכטיקן ענין, ווי גאולה און אומקום? דווקא דערפֿאַר, ווײַל די פֿראַגע אויפֿן סדר־היום איז שוין מער ניט די פֿראַגע פֿונעם מענטשנס פֿרײַען ווילן (ווי בײַ פּרצן), נאָר פֿון גאָטס (די פֿאָרמולירונג איז רות ווײַסעס, אין אַ ניט־געדרוקטן עסיי וועגן באַשעוויסן).

איך אַ שד, [illegible]
ווען דער מענטש אַליין איז איצט אַ שד? צו וואָס אָנרעדן צו שלעכטס ווען דער אָנגערעדטער איז סײַ ווי גרייט? איך בין אפֿשר דער לעצטער צווישן די נישט־גוטע. איך האַלט מיך אויף אויף אַ בוידעם אין טישעוויץ, צי חיונה פֿון אַ מעשׂה־ביכל אויף ייִדיש־טײַטש, וואָס האָט זיך דאָ פֿאַרוואַלגערט פֿון פֿאַרן חורבן. (דער שפּיגל, ז' 12)

אויב דער שד אַליין איז שוין פֿאַרמישפּט צו זיצן אויף איין אָרט, אָן אַ ברעקל אַרבעט, איז ער כאָטש פֿרײַ צו דערציילן פֿון אַ "יודען־רײַנער" וועלט, ווי זי וואָלט נאָך הײַנט עקסיסטירט, ווײַל בײַ אים "שטייט די צײַט". און אַ שד מעג זיך דערלויבן צו באַשרײַבן דאָס אַמאָליקע שטעטל אין גאַנצן אומסענטימענטאַל:

טישעוויץ איז אַ העק, וווּ אָדם הראשון האָט נישט משתּין געווען. אַזוי קליין איז דאָס שטעטל, אַז ווען ס'פֿאָרט אַרײַן אַ וואָגן, איז דער קאָפּ פֿון פֿערד אין מאַרק און די הינטערשטע ראָד בײַ דער ראָגאַטקע. די בלאָטע דויערט פֿון נאָך סוכּות ביז אַ שטיק נאָך שבֿועות. ווען די ציגן פֿון טישעוויץ קײַען דאָס שטרוי פֿון די דעכער, דאַרפֿן זיי נישט אונטערהייבן די בערדלעך. הינער זיצן אויף אייער אין מיטן גאַס. פֿייגל בויען נעסטן אין די ווײַבערשע קאָפּקעס. אין שנײַדערשן שולכל איז מען מצרף צום מנין דעם קהלשן באָק. (דאָרט)

טישעוויץ איז פֿאַרט אַ חשובֿ אָרט, אין זכות פֿון צוויי זאַכן: (1) אין אַ צײַט ווען "מ'וויל מער זינדיקן וויפֿל די כּוחות קלעקן, מ'איז זיך מוסר־נפֿש פֿאַר אַ ברעקל עבֿירה", איז אין טישעוויץ געבליבן איין צדיק, דער טישעוויצער רבֿ. אַפֿילו צוויי שדים קענען אים ניט בײַקומען. און (2) אין טישעוויץ האָט געלעבט איינער אַן אַבֿרהם־זלמן, וואָס האָט זיך אײַנגערעדט אַז ער איז משיח בן־יוסף. מ'האָט געשטעלט אַן אוהל אויף זײַן קבֿר. ווי קליין און נישטיק דאָס שטעטל זאָל ניט זײַן, שטעלט עס מיט זיך פֿאָר צידקות און משיחיש גלויבן.

דער שדישער גערעם איז אינטערעסאַנטער ווי די מעשׂה גופֿא, ווײַל מ'האָט זי שוין אומצייליקע מאָל דערציילט: אין די פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן, אין מעשׂה־בוך, אד"גל. דער צדיק דאַרף געפּרוּווט ווערן נישט איין מאָל, נאָר דרײַ מאָל: "ניאוף, געלט, גאווה. קעגן אַלע דרײַ איז קיינער נישט באַוואָרנט, מעג ער זײַן דער רבי ר' צאָץ". צוויי מאָל איז דער טישעוויצער רבֿ טאַקע מנצח, און מיר דערוואַרטן דעם לעצטן מכריעדיקן פּרוּוו. די שבֿחים־מעשׂה פֿון פֿאַר צײַטנס ווערט אָבער אָפּגעהאַקט אין מיטן, ווײַל עס קומט אַ רשע, צען מאָל ערגער פֿאַרן גרויסשטאָטישן לובלינער שד. עס קומט דער דײַטש.

> דער רבֿ איז אומגעקומען על קידוש־השם אַ פֿרײַטאָג חודש ניסן. די קהילה האָט מען אויסגעקוילעט, די ספֿרים פֿאַרברענט, ס'בית־עולם געשענדט. דער ספֿר־יצירה איז צוריק בײַ דעם מנהיג־הבירה. אין באָד פֿליוסקען זיך יוונים. פֿון ר' אַבֿרהם־זלמנס אוהל האָט מען געמאַכט אַ חזיר־שטאַל. ס'איז אויס יצר־הרע, אויס יצר־טובֿ, אויס עוונות, אויס נסיונות. דאָס דור איז שוין זיבן מאָל כּולו חייבֿ, נאָר משיח קומט נישט. צו ווען זאָל ער קומען? אַז משיח איז נישט געקומען צו יידן, זענען יידן אַוועק צו משיחן. ווײַ, מ'דאַרף מער נישט קיין שדים! מ'האָט אונדז אויך פֿאַרטיליקט. איך בין געבליבן איינער, אַ פּליט. כ'מעג שוין גיין ווו כ'וויל, נאָר צו ווען זאָל גיין אַ שד פֿון מײַן זגאַל? צו די רוצחים?... (ז' 21)

די באַחנטע פֿאָלקס־מעשׂה מיטן רבֿ, צי ער וועט זיך יאָ אָדער ניט אויסגליטשן, ווערט דאָ בטל בשישים. די גאַנצע סבֿיבֿה אַרום איז דאָך במילא אַ זינדיקע, איז וואָס שפּילט שוין אַ ראָלע דער טישעוויצער רבֿ? דאָ גייט אין עפּעס אַנדערש — אינעם משיחישן גלויבן, וואָס האָט פֿאַרפֿירט אַ גאַנצע וועלט. פֿריער נאָך האָבן די צוויי שדים געכאַפּט וועגן דעם אַ שמועס:

> — וואָס איז דאָס פֿאַר אַן אַנשיקעניש?
>
> — השׂכּלה. אין די צוויי הונדערט יאָר וואָס דו סעקעסט דאָ האָט דער יצר־הרע פֿאַרקאָכט אַ פֿרישע קאַשע. ס'זענען אויפֿגעקומען שרײַבער בײַ יידן, אויף לשון־קודש, אויף עבֿרי־טײַטש, און זיי האָבן איבערגענומען אונדזער מלאכה. מיר דאַרפֿן זיך רײַסן דעם האַלדז מיט יעדן חמור־אייזל באַזונדער, אָבער יענע דרוקן זייערע שמאַנצעס אין אַ סך קאָפּיעס און צעשיקן בכל־תּפֿוצות־ישׂראל. זיי קענען אַלע אונדזערע שטיק; שפּאָט איז שפּאָט און פֿרומקייט איז פֿרומקייט. זענען מטהר דעם שרץ בק"ן טעמים. ווילן נישט אַנדערש נאָר אויסלייזן די וועלט. (ז' 14)

מיט זײַן ווײַטן היסטאָרישן בליק זעט דער שד גענוי װוּ דער הונט ליגט באַגראָבן. שולדיק איז דער מאָדערנער משיחישער גלויבן, די עבֿודה־זרה פֿון וועלטלעכקייט, פֿון פּראָגרעס. די פֿרײַדענקערס האָבן צעשטערט אַלע געטער, כּדי זיך אַליין צו מאַכן פֿאַר געצן. און ווי באַלד דער מענטש אַליין ווערט דער משיח, וועט ער סוף־כּל־סוף אויסלייזן די וועלט פֿון דער מענטשהייט אויך.

וואָס בלײַבט נאָך דעם ווי מע הרגעט אויס אַלע שדים און צדיקים אין איינעם? עס בלײַבן אַ פּאָר פֿאַרוואַלגערטע ביכלעך פֿון אַ מאָל. צו זײַנע 39 יאָר האָט באַשעוויס געשריבן אַז דער ייִדישער פּראָזאַיִקער מוז שעפּן אינספּיראַציע ניט דירעקט פֿון לעבן, נאָר אומדירעקט פֿון ספֿרים. צו זײַנע 55 יאָר זענען אַנשטאָט ספֿרים געבליבן (בירושה פֿון דער ״השׂכּלה״) בלויז אַלטע טרייף־פּסולען, וואָס דער שד באַטראַכט זיי ווי ״קוגל מיט חזיר־שמאַלץ״.

> אָבער די אותיות זענען פֿאָרט ייִדישע. דעם אַלף־בית האָבן זיי נישט געקאָנט צעטרענצלען. דערפֿון זויג איך. דערין טו איך מיך קלאַמערן. כ׳צייל די ווערטער, פֿלעכט גראַמען, טײַטש אַרײַן אין יעדן פּינטעלע פּיתום ורעמסס. אַלף אַן אָדלער, אַן אָדלער פֿליט; בית אַ בוים, אַ בוים בליט; גימל אַ גלח, אַ גלח קניט; (ז׳ 22)

ביז אַהער גייט דאָס באַקאַנטע קינדער־צײלעניש אַזוי ווי עס געדענקט זיך פֿון באַשעוויסעס קינדער־יאָרן. אַ געמיש פֿון הויך און נידעריק. און ווײַל עס געהערט צו די פֿריִע קינדער־יאָרן איז עס פֿרײַ פֿון די ליגנס און פֿאַלשקייטן וואָס קומען שפּעטער, אין די רײַפֿע, ״קינסטלערישע״ יאָרן. און אַז דער שד גריבלט זיך ווײַטער אין די אותיות גיט ער שוין צו אַן אייגענעם פּירוש אויף די אותיות דלד ביז יוד:

> דלד אַ דאָרן, דער דאָרן ברענט; הא אַ הענקער, אַ הענקער הענגט; וואָוו אַ וועכטער, דער וועכטער שענקט; זיין אַ זעלנער, אַ זעלנער שיסט; חית אַ חזיר, אַ חזיר ניסט; טית אַ טויטער, אַ טויטער מתט; יוד אַ ייִד, אַ ייִד פֿאַרגעסט...

זאָל עס הייסן אַז דער וועכטער איז גאָט און אַז דאָס זיצט גאָט ערגעץ ווו אין אַ שענק און שיכּורט זיך אָן? איז דאָס אפֿשר די סיבה פֿאַר וואָס דער זעלנער שיסט, דער טויטער מתט און דער ייִד פֿאַרגעסט? צי גאָר פֿאַרקערט? אַז אַלע אומגליקן אויף דער וועלט נעמען זיך דערפֿון וואָס יוד אַ ייִד, אַ ייִד פֿאַרגעסט?

אַזוי צי אַזוי, טוט דער שד ניט פֿאַרגעסן. ווי פֿאַריתומט ער זאָל זיך ניט פֿילן, אין אַ וועלט ווו מע פֿאַרשטייט שוין ניט זײַן שפּראַך, קען ער זיך אַליין נאָך דערקוויקן מיט די אותיות פֿון דער שפּראַך. און ווי ביטער עס זאָל אים ניט זײַן אויפֿן האַרצן, אָט דעם לעצטן ייִדישן שד, ווייסט ער ווי אויפֿצולעבן דעם עבֿר דורך זײַנע קונצן — און זײַן בדחנישער קונסט.

מקורים

(אָנגעהויבן האָבן מיר מיטן אלף-בית און מיטן אלף-בית
האָבן מיר פֿאַרענדיקט.)

△ דאָס איז געווען טייל די שפּראַך פֿון פֿאָלקלאָר מוז זײַן
צוטריטלעך צו אַלעמען: קליין און גרויס, פּראָסט און ראַפֿינירט.
ווי מיר האָבן איבער געזען, איז דער אומקום צום אלף-בית
פֿונעם "ציטן פֿאָלקלאָר פֿאַרגעקומען אונטער סימן פֿון קריזיס
פֿונעם חורבן בית-המדרש צום סוף פֿון 19 י"ה, דער קריזיס
אין טראַדיציאָנעלן גלויבן און לעבנס-שטייגער, ווען מיליאָנען ייִדן האָבן
גענומען אויסוואַנדערן פֿונעם שטעטל → גרויסער שטאָט, פֿון מיזרח
← מערבֿ, פֿון אייראָפּע → אין די אַמעריקעס אַרײַן.
צוזאַמען אויסגעקומען שרײַבערס בײַ ייִדן, אַלײן גרויסשטאָטישע,
און האָבן געפּרוּווט ראַטעווען דאָס וואָס עס לאָזט זיך ראַטעווען;
און פֿון אָט די רעשטלעך און ברעקלעך — אַ ניגון, אַ פּורים-שפּיל, אַ דינער-צײַלמיר
טײַ בעליס, אַ ~~[illegible]~~, מאָנאָלאָגן, אַ וווּנדער-מעשׂה, — האָבן
זיי געשאַפֿן אַ נײַעם, פֿאַרשמעלצן און פֿאַרבעסערן פֿאָלקלאָר,
וואָס זאָל דינען דאָס פֿאָלק, אויך הײַנט, ~~[illegible]~~
און ~~[illegible]~~ און אויף אַלע זײַנע ווײַטערדיקע וועגן.

דער שטיק צווישן פֿאָלקלאָר / פֿאָרראַט האָט עולה-יפֿה

געווען. ס'איז אויסגעקומען צו (נײַע) צוטיילן דער שרײַבערס וואָס האָבן

צוזאַמענגעפֿלאָכטן בײַדע פֿאָלקלאָר-ליניעס: די ראָמאַנטיש-פּאַטעטישע

און די גראָטעסק-ראַעליסטישע, און דאָס געפֿעלט האָט זיך

ניט אײַנגעגעסן, אַפֿילו נאָך גרעסערן (פֿון אַלע) חורבן. וואָס ~~אונדזער פֿאָלק~~

~~האָט ... איז אינגאַנצן~~.

און הײַנט לעבט (ער) ווײַטער ~~...~~ — דער פּראָצעס — פֿון שעפֿעריש פֿאָרראַט.

1) אייניקע אויפֿלעבן פֿון קלעזמער-מוזיק

2) אינעם ("ייִדיש") טעאַטער

3) אין מעלאָדיעס; אין דער ~~...~~ בעלעטריסטיק

4) אַפֿילו ~~אין ...~~ אין גײַסטיק-רעליגיעזן פֿראַגן

בלײַבט ~~...~~ מיר, דער ייִדיש-רעדנדיקער שבֿט, ווײַטער ווי, ~~...~~ ווען,

און פֿאַר וואָס ~~... פֿון ייִדישן אויפֿלעבן~~

עס האָט זיך גענומען בײַ אונדז אַזאַ געוואַלדיקער טאַלאַנט

צו פֿאַרצייגן קריזיס / (פֿאָלקישע) קולטור; אַוואַנגאַרד אויפֿקום.
(מיט)

ווײַל מיר לעבן אויף סוף צו [illegible]

Fin-de-siècle [illegible] - [illegible]

[illegible] [illegible]